

# Eating before Davening

## Parshas Yisro

פרשת ישרו

# פרשת יתרו

עס איז דאָ אַ רשימה פון כבוד קדושת מורי וחמי אדוננו מורנו ורבנו בעל ההילולא, וואָס דאָרטן זיינען פאַרצייכנט זכרונות פון זיין זיידן דעם רבי'ן מהר"ש, אַזוי אויך פון זיין באָבען הרבנית הצדקנית רבקה (דעם רבי מהר"ש'ס רביצין), וואָס איר יאָר־צייט איז אויך יו"ד שבט.

צווישן די זכרונות איז פאַרשריבן אַ סיפור, וואָס דער סיפור איז שוין אויך געדרוקט[10]), אַז בשעת זי איז אַלט געווען אַכצן יאָר, איז זי געווען שטאַרק ניט געזונט. דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן זי זאָל עסן באַלד ווי זי שטייט אויף פון שלאָף. אַזוי ווי זי האָט ניט געוואָלט עסן פאַרן דאַווגען, פלעגט זי אויפשטיין גאָר פרי, דאַווגען און נאָכהער עסן. במילא האָט זי ניט געגעסן פאַרן דאַווגען און אויך געגעסן פרי. אָבער זעלבסט־פאַרשטענדלעך אַז דאָס האָט ניט נאָר ניט צוגעגעבן קיין געזונט, נאָר מצד דעם איז זי נאָך אויך ניט דערשלאָפן.

האָט איר דער צמח צדק געזאָגט: אַ איד דאַרף זיין געזונט און אַ בעל כוח. אויף מצוות שטייט וחי בהם, איז דער טייטש וחי בהם מען דאַרף אַריינברענגען חיות אין די מצוות (כפירוש המגיד ממעזריטש שנזכר בהמאמר). בכדי אַז מען זאָל קענען אַריינברענגען אַ חיות אין מצוות, מוז מען זיין אַ בעל כוח און זיין בשמחה. און דער צמח צדק האָט מסיים געווען: דו דאַרפסט ניט זיין קיין ניכטערע. בעסער עסן צוליב דאַווגען ווי דאַווגען צוליב עסן.

* * *

אַלע ענינים וואָס די רביים האָבן דערציילט, ובפרט דאָס וואָס מען האָט איבערגעגעבן מדור לדור, זיינען דאָך ניט סתם קיין סיפורים. פון דעם וואָס מען האָט עס איבערגעגעבן מדור לדור איז דאָך זיכער אַז דאָס האָט אַ שייכות צו די הערער, אַז זיי זאָלן זיך אָפּלערנען פון דעם.

* * *

די ענינים פון מענטשן ווערן פאַ־נאַנדערגעטיילט בכלל אויף צוויי סאָרטן: א) די ענינים וואָס מען טוט צוליב דעם אויבערשטן, אַזוי ווי לימוד התורה, תפלה און קיום המצות. ב) די ענינים וואָס מען טוט צוליב זיך, דאָס וואָס עס איז די אמת'ע נויטיקייט פאַר מענטשן אָדער דאָס וואָס עס ווייזט זיך אויס אַז עס איז נויטיק פאַר אים.

די נקודה פנימית פון די צוויי סוגים איז „דאַווגען" און „עסן". דער ערשטער סאָרט איז „דאַווגען", וואָרום דער ענין פון דאַווגען איז ווענדן זיך, באַהעפטן זיך און דע לפני מי אתה עומד — לפני מלך מלכי המל־כים הקדוש ברוך הוא. דער צוויי־טער סאָרט איז „עסן", אַלץ וואָס דער מענטש דאַרף, „הונגערט" זיך אים צו דעם, און באַקומענדיק זיין באַדערפעניש — שטילט ער זיין הונגער — עסן.

* * *

אין דעם אופן ווי אַזוי צו דאַווגען און ווי אַזוי צו עסן, קענען זיין עטלעכע אופנים.

עס קען זיין אַן אופן אַז דער מענטש איז צעשפּאָלטן. דער „דאַוו־

10) היום יום — י' שבט תש"ג.

# CLASSICAL CONCEPTS

1. The Frierdiker Rebbe included reminiscences of his grandfather, the Rebbe Maharash and his grandmother, Rebetzin Rivkah in his memoirs. (Rebetzin Rivkah passed away on Yud Shvat, the same day as the Frierdiker Rebbe.) Amongst the different memories, the Frierdiker Rebbe writes a story that happened to his grandmother when she was eighteen. Unfortunately, she became quite ill and the doctor instructed her to eat immediately upon arising. Rebetzin Rivkah did not feel it would be appropriate for her to eat before Davening, so she would wake up very early, Daven, and only then have something to eat. With this routine she was able to Daven first and still eat very early in the morning. As one can imagine, such a schedule definitely did not improve her health. Not only was she not eating first thing in the morning, but she was also losing time of sleep. The Tzemach Tzedek told her as follows. "A Jew must be healthy and strong. Regarding Mitzvos it says 'And you shall live with them'. This means that one must incorporate liveliness into his per-



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | וואָרט | טייטש | וואָרט |
|---|---|---|---|
| Should be able | מען זאל קענען | There is a "note" | עס איז דא א רשימה |
| Must | מוז | My teacher and my father in law | מורי וחמי |
| Finished off | מסיים געווען | There | דארטן |
| You don't have to be | דו דארפסט ניט זיין | Written down | פארצייכנט |
| Empty stomach | ניכטערע | Grandmother | באבען |
| For the sake of | צוליב | Amongst | צווישן |
| Told over | דערציילט | Written | פארשריבן |
| Gave over | איבערגעגעבן | Also already published | שוין אויך געדרוקט |
| Certainly | זיכער | Was 18 years old | אלט געווען אכצן יאר |
| The one who heard | הערער | Very not well | שטארק ניט געזונט |
| Learn out | אפלערנען | Told her | איר געהייסן |
| Divided | פאנאנדערגעטיילט | She should eat | זי זאל עסן |
| Two types | צוויי סארטן | Immediately | באלד |
| Himself | זיך | Gets up from sleeping | שטייט אויף פון שלאף |
| Necessity | נויטיקייט | Didn't want | ניט געוואלט |
| It appears | עס ווייזט זיך אויס | She would | פלעגט זי |
| Turning | ווענדן | Very early | גאר פרי |
| Attaching himself | באהעפטן זיך | Afterwards | נאכהער |
| He is "hungry" for it | הונגערט זיך אים צו דעם | Self-understood | זעלבסטפארשטענדליך |
| Once he received | באקומענדיק | Didn't increase her health | ניט צוגעגעבן קיין געזונט |
| He "stills" | שטילט ער | Didn't sleep (properly) | ניט דערשלאפן |
| There can be | קענען זיין | Bring in/ Incorporate | אריינברענגען |
| Several | עטלעכע | | |
| Split | צעשפאלטן | | |

נען" מיטן „עסן" האָבן קיין שייכות ניט צווישן זיך. בשעת'ן דאַווענען (ד. ה. בשעת ער לערנט, איז מקיים מצוות און דאַוונט) האָט ער ניט קיין שייכות צו ענינים פון וועלט, ביז מען קען מיינען אַז ער איז אַ צדיק גמור, אָבער שפּעטער בשעת עס קומט צו עניני העולם, מסחר אָדער עסן כפשוטו, איז אינגאַנצן ניט קענטיק אויף אים קיין ענין פון קדושה, רוחניות און אידלקייט.

אָבער אַזאַ אופן איז דאָך אַן ענין וואָס אויף דעם זאָגט מען: אַטו בשופטני עסקינן? וברשיעי לא עס־קינן.

אַ צווייטער אופן, אַז דער דאַוו־נען מיטן עסן האָבן אַ שייכות, אין אַלע זיינע ענינים קוקט ער אין אין שולחן ערוך און טוט ווי דאָרטן שטייט, אָבער ער דאַוונט צוליב עסן.

דאָס הייסט: אַזוי ווי ער ווייס אַז ער דאַרף „נעבעך" אָנקומען צום אויבערשטן, און די וועג ווי אַזוי צו באַקומען פון דעם אויבערשטן, איז ווי ער זאָגט אין פּסוק אם בחוקותי תלכו גו' ונתתי גשמיכם בעתם, דערפאַר טוט ער וואָס דער אויבערשטער הייסט, בכדי אַז דער־נאָך זאָל ער קענען קומען צום אויבערשטן מיט דעם וועקסל, אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן אַלץ וואָס ער דאַרף, אויסצאָלן אים פאַר זיין דאַווענען.

די גמרא [11]) זאָגט טאַקע, אַז האומר סלע זו לצדקה על מנת שיחי' בני הרי זה צדיק גמור, ובמילא, איז דער וועג פון דאַווענען צוליב עסן אויך אַ וועג. אמת טאַקע, רש"י זאָגט דאָרטן: אם רגיל בכך — ניט אָפּגעבן איין מאָל צדקה און דערנאָך לכשיחי' בנו אויפהערן, נאָר רגיל בכך, אָבער פונדעסטוועגן, אַפילו אויב ער איז איינגעוואוינט אין דעם, וויבאַלד אָבער אַז דאָס איז צוליב אַ פּני' איז ניט דאָס איז דער תכלית.

אמת, די גמרא זאָגט [12]), אַז מען זאָל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות אפילו שלא לשמה, פאַרוואָס אָבער? — גיט די גמרא דעם טעם, אַז ער וועט צוקומען צו לימוד התורה וקיום המצות לשמה.

* * *

דער אופן און תכלית הנרצה איז, ניט אַז דער דאַווענען מיטן עסן זאָלן קיין שייכות ניט האָבן, אויך ניט דאַווענען צוליב עסן, נאָר — עסן צוליב דאַווענען.

דאַווענען, דאַרף מען געוויס צוליב דאַווענען, דאָס איז אַ פּשוט'ע זאַך. בשעת ער האָט אַ ידיעה אַז דער אויבערשטער וויל ער זאָל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, קען זיך ביי אים גאָר ניט לייגן אַנדערש ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן. ובמילא דאַוונט ער שלא על מנת לקבל פרס, נאָר ווייל'ע אַזוי האָט דער אויבערשטער געהייסן. ער פרעגט ניט צי ער וועט האָבן דערפאַר עולם־הבא צי ניט, ומכל שכן אַז ער פרעגט ניט נאָך שכר אין עולם־הזה.

אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. דאָס וואָס עס פאָדערט זיך איז, אַז אויך זיין עסן זאָל זיין צוליב דאַווענען.

11) ראש השנה ד, א.

12) פסחים נ, ב. עיין הלכות תלמוד תורה לרבנו הזקן פ"ד ס"ג.

# Classical Concepts

# טייטש Translations

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| If you will go in my statutes | אם בחוקותי תלכו | Have no connection | האבן קיין שייכות ניט |
| Therefore | דערפאר | -דאס הייסטThis means | ד.ה. |
| Note of obligation | מיט דעם וועקסל | Until one can think | ביז מען קען מיינען |
| Pay up | אויסצאלן | Later | שפעטער |
| If he is accustomed to it | אם רגיל בכך | Business | מסחר |
| Stop | אויפהערן | Completely not recognizable | אינגאנצן ניט קענטיק |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן | Refinement | איידלקייט |
| If he is accustomed | אויב ער איז איינגעוואוינט | Such | אזא |
| But since | וויבאלד אבער | Are we dealing with idiots? | אטו בשופטני עסקינן |
| A side reason | א פני' | We are not dealing with wicked people | וברשעי לא עסקינן |
| Will reach | וועט צוקומען | Second | צווייטער |
| Certainly | געוויס | He looks into | קוקט ער איין |
| It cannot be accepted anything else | גאר ניט לייגן אנדערש | Like it says there | ווי דארטן שטייט |
| Commanded | געהייסן | Being that he knows | אזוי ווי ער ווייס |
| Doesn't ask | פרעגט ניט | Unfortunately must depend on | נעבעך אנקומען |
| Whether | צי | Receive | באקומען |
| Still insufficient | נאך ווייניק | | |
| Is demanded | עס פאדערט זיך | | |

formance of the Mitzvos. In order for one to be able to do this he must have strength and be happy." The Tzemach Tzedek concluded, "You need not have an empty stomach. It is better for you to eat in order to Daven, than Daven in order to eat". Everything that was told over to us by the Rebbeim, contains powerful lessons for us to learn. The Rebbe now learns a very powerful message from this story.

2. A person's day is comprised of two components. The first part consists of all the things he does because of Hashem. This would include Torah study, the performance of Mitzvos, Davening and so on. The second component is all the things he does for himself. This would include anything a person does in order for him to function in a physical sense, such as eating, drinking etc. Everything in the first category can be referred to as "Davening" because Davening is all about depending on Hashem and connecting to Him, which is essentially what everything spiritual is about. Everything in the second category can be referred to as "eating" because a man "hungers" for whatever physical requirement he feels he is lacking and once he receives it, his "hunger" for it is satisfied.



3. There are several ways for a person to go about his "Davening" and "eating". It could be that they are completely divided without anything connecting them. At the time that he is involved with spirituality, he is totally removed from the physical world. He

אַלע זיינע ענינים זאָלן זיין צוליב קדושה, אַזוי ווי עס שטייט בכל דרכיך דעהו.

דאָס וואָס ער וועט זיין אַ גביר, שטיין אין „דאַן און בראַדסטריט" גאָר הויך און זיין אין „בראקעט" וואָס צאָלן 95 פּראָצענט טעקסעס, נאָך ניט דאָס איז דער תכלית פון בריאת האדם, נאָר אַז אַלע זיינע ענינים זאָלן זיין צוליב קדושה, בכדי ער זאָל לערנען תורה מיט מנוחת הנפש, מקיים זיין מצות בהרחבה, און געבן צדקה ביד רחבה.

און ניט באַנוגענען זיך דערמיט אַליין, נאָר זען ווירקן אויך אויף אַנדערע. וואָרום דורך דעם וואָס ער איז אַ גביר — וועט דאָך אים זיין גרינגער צו ווירקן אויף אַנדערע. ווי מיר זעען, אַז אַן אָרעמאַן לאַכט מען אויס, אָבער אַ גביר איז אַפילו ווען ער טוט אַ נאַרישקייט טוט מען אים נאָך, ומכל שכן בשעת ער טוט אַ גלייכע זאַך. ובמילא: בשעת ער וועט לייגן תפילין וועלן אַלע לייגן תפילין, בשעת ער וועט היטן שבת וועלן אַלע היטן שבת. וואָרום מען זעט דאָך אַז פאַרוואָס איז ער געוואָרן אַ גביר ווייל ער היט שבת, בשעת ער וועט לייגן רבנו תם'ס תפילין וועלן אַלע אָנהויבן לייגן רבנו תם'ס תפילין, און בשעת ער וועט עסן שמורה־מצות — וועלן זיך צומאַכן אַלע פּשוט'ע־מצה־בעקערייען, ווייל אַלע וועלן אָנהויבן נוצן שמורה.

און דאָס מיינט „עסן צוליב דאַוו־נען", אַז אַלע מענטשלעכע ענינים און זיינע באַדערפעניש (וואָס דאָס אַלץ ווערט אָנגערופן „עסן") דאַרפן זיין צוליב „דאַוונען" (וואָס איז כולל כל התורה והמצות), אויף אויפטאָן אין זיי דעם וחי בהם, אַריינברענגען חיות אין תורה ומצות.

* * *

אַ ווייטערדיקע אָנווייזונג איז דאָ פון דעם אויבן־דערמאָנטן, דאָס וואָס די הוראה איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ פרוי, אַ מאַמע פון קינדער, וואָס איינער פון זיי איז דערנאָך געוואָרן אַ נשיא בישראל.

די אָנווייזונג פון דעם איז:

בשעת מען וויל עס זאָלן אויס־וואַקסן קינדער וואָס זייער פירונג זאָל זיין ניט דאַוונען צוליב עסן און ניט אַז דער דאַוונען מיטן עסן זאָלן זיין צוויי באַזונדערע וועלטן, נאָר זיי זאָלן עסן צוליב דאַוונען —

איז דאָס אָפּהענגיק פון דער מו־טער. זי זאָל אַליין אויפפירן זיך אַזוי און אַריינגעבן דעם גייסט אין די קינדער, פון קליינווייז אויף, ווען זיי ליגן נאָך אין וויגעלע, אַריינגעבן אין זיי אַט דעם געפיל אַז אַלע ענינים דאַרפן זיין צוליב באַהעפטן זיך מיטן אויבערשטן, און אַן דעם — איז אַפילו אויב עס איז דאָ וואָס צו „עסן", האָט עס קיין טעם ניט.

און דאַן האָדעוועט מען אויס אַזעל־כע קינדער וועלכע ווערן דערנאָך גדולים בישראל, אַז זיי האָבן מיט וואָס צו דאַוונען און האָבן וואָס צו עסן, און עסן ווי דער אויבער־שטער וויל, וואָס זיין רצון איז דאָך, אַז אידן זאָלן האָבן מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, אַז עס איז ניט נאָר בני רויחי, נאָר אויך חיי רויחי ומזוני רויחי.

עס זאָל זיין דער והריקותי לכם

# CLASSICAL CONCEPTS

appears to be so holy during those times that one may even think that he is a Tzadik. Later on though, when he is involved with mundane matters, his state of spirituality and refinement has disappeared and he appears to be a completely different person. Obviously, such a path is improper.

4. A second manner in which a person is able to "Daven" and "eat" is that he does connect them to each other. Before he does anything, he looks into Shulchan Aruch to ensure that it complies with Halacha. But, all of his "Davening" (spirituality) is for the sake of his "eating" (physicality). This means that his desire for physicality is what drives him to observe Torah and Mitzvos. He knows that everything comes from Hashem so he ensures that he does everything he is supposed to. This is in order so that he can come later and "demand" to be "paid" for that which he "earned". It is quite



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Human requirements | מענטשלעכע ענינים |
| Necessities | באדארפענישן |
| Is called | ווערט אנגערופן |
| Accomplish in them | אויפטאן אין זיי |
| Bring in | אריינברענגען |
| Further lesson | וויטערדיקע אנווייזונג |
| Previously mentioned | אויבן-דערמאנטן |
| A woman | א פרוי |
| Later became | דערנאך געווארן |
| Should grow up | עס זאלן אויסוואקסן |
| Their behavior | זייער פירונג |
| Separate worlds | באזונדערע וועלטן |
| Dependent | אפהענגיק |
| The spirit | דעם גייסט |
| From a young age onwards | פון קליינווייז אויף |
| Still lying in the cradle | ליגן נאך אין וויגעלע |
| This feeling | אט דעם געפיל |
| Attaching one's self | באהעפטן זיך |
| It has no taste | האט עס קיין טעם ניט |
| Raise | האדעווען |
| Children in abundance | בני רויחי |
| Life/health in abundance | חיי רויחי |
| Parnasa in abundance | מזוני רויחי |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| In all your way, know him | בכל דרכיך דעהו |
| Rich man | גביר |
| Stand | שטיין |
| Dun & Bradstreet | דאן און בראדסטריט |
| (a company that assesses other companies) | |
| Very high | גאר הויך |
| And be in the bracket | און זיין אין "בראקעט" |
| Pay ninety-five percent taxes | צאלן 95 פראצענט טעקסעס |
| Not be satisfied | ניט באגנוגענען זיך |
| See to it | זען |
| Arouse (this behavior) by others |ווירקן אויף אויף אנדערע |
| Like we see | ווי מיר זעען |
| A poor man is laughed at | אן ארעמאן לאכט מען אויס |
| When he does something foolish | ווען ער טוט א נארישקייט |
| People do the same | טוט מען איט נאך |
| A proper thing | א גלייכע זאך |
| Guard/keep | היטן |
| Became | געווארן |
| Begin | אנהויבן |
| Close | צומאכן |
| Regular Matzah bakeries | פשוט'ע-מצה-בעקערייען |
| (that don't make Shmurah) | |

ברכה עד בלי די, אַ געבענטשטע הויז אין רוחניות און אַ געבענטשטע הויז אין גשמיות, און דער פאָטער מיט דער מוטער זאָלן האָבן נחת פון זיי לאורך ימים ושנים טובות, נחת אין רוחניות און נחת אין גשמיות.

(משיחות יו״ד שבט, תשי״ט)

# פרשת משפטים

א. אין היינטיקער סדרה שטייט, על כל דבר פשע גו' על כל אבידה אשר יאמר כי הוא זה עד האלקים יבא דבר שניהם גו' ישלם שנים לרעהו. זאָגט די גמרא, אַז דער פסוק רעדט וועגן אַ שומר, וואָס טענה'ט אַז דער פקדון איז ביי אים פאַר־לאָרן געגאַנגען, וואָס מיט דער טענה ווערט ער פטור פון צו באַצאָלן: ביי אַ שומר חנם — טענת גניבה ואבידה און ביי אַ שומר שכר — טענת אונסין, און ער האָט געשוואָרן אויף זיין טענה, און צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט גאָר פושע געווען אין דעם פקדון און מועל געווען[1] אין דער שבועה — איז דער דין: עד האלקים יבא דבר שניהם גו' ישלם שנים לרעהו.

מען האָט שוין גערעדט פיל מאָל, אַז אַלע ענינים פון גליא דתורה זיינען פאַראַן אויך אין רוחניות, און אדרבה, ווייל די ענינים זיינען פאַ־ראַן אין רוחניות דערפאַר קומען זיי דערנאָך אַראָפּ אין גליא.

אויך דער דין פון פשיעה, שליחות יד בפקדון, מעילה בשבועה און דער פסק דין — עד האלקים יבא דבר שניהם וגו', זיינען אויך דאָ אין רוחניות.

ב. כבוד קדושת אדוננו מורנו ורבנו דער צמח צדק נשמתו עדן, טייטשט אויס אין אַ מאמר דעם פסוק על כל דבר פשע גו' אין דער עבודה רוחנית פון נפש האדם.

וועט מען איבערריידן אַ טייל פון דעם מאמר וואָס איז שייך דערצו מיט אייניקע הוספות בדרך אפשר:

ביי יעדער אידן געפינט זיך דעם אויבערשטנ'ס אַ פקדון, דאָס איז די נשמה[2], וועלכע ער דאַרף היטן, זי זאָל איבערבלייבן בשלימות און ניט נפגם ווערן חס ושלום, און נאָך מער, מעלה זיין די נשמה נאָך העכער ווי זי איז געווען פאַר דער ירידה, ווי באַוואוסט אַז ירידת הנשמה בגוף איז — ירידה צורך עלי'.

די שמירה וואָס אַ איד דאַרף היטן די נשמה, איז פאַרבונדן אויך מיט אַ שבועה, כמאמר רז״ל[3], אַז בשעת אַ נשמה דאַרף אַראָפּגיין למטה, משביעין אותו תהי צדיק ואל תהי רשע.

„על כל דבר פשע", אַז ער איז אַ פושע אין פקדון און מועל אין דער שבועה, — מצד וואָס קומט עס? זאָגט דער פסוק — „על שור על

1) זע ד״ה משביעין אותו (בס' קיצורים והערות לתניא עמוד נז ואילך) מלשון ומשביע לכל חי כו'.

2) זע שבת קנב, ב. ובכ״מ.

3) נדה ל, ב.

## CLASSICAL CONCEPTS

## טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Should have | זאלן האבן | "And I will pour for you blessings until there is no more room" | והריקותי לכם ברכה... |
| From them | פון זיי | Blessed house | געבענטשטע הויז |
| Long days | אורך ימים | Father | פאטער |
| Good years | שנים טובות | | |

clear that such a manner is also not the ultimate. (The Gemara writes that one is allowed to give Tzedakah and specify that it is in the merit of his son's health and Rashi explains that this is if he gives on a regular basis and not just that one time. Even so, being that it is being given for a reason, it is not the ultimate level of the Mitzvah.) Although the Gemara writes that one should perform Mitzvos even for the wrong reasons, it continues by explaining that this is because it will bring him to fulfill them for the right reasons.

5. The ultimate form of "Davening" and "eating" is when the "eating" is for the sake of "Davening". It is obvious that one's spirituality should not be a means for him to receive physicality. The only reason he serves Hashem is because that is Hashem's desire, and not for any reward he will receive in return. But even such a manner would be considered incomplete. A person must ensure that even his physical actions are for the sake of spirituality. Everything he does must have holy intentions behind it, as it says in the Possuk "In all your ways, know Him". Success isn't measured by the money one acquires, but rather by how he uses it in order to serve Hashem better. This is what is meant by one should "eat in order to Daven".

6. It is not sufficient for a person to make sure that he is "eating" for the sake of "Davening", but he also must influence all those around him to do the same. Being that he is a wealthy person, influencing others will be easier for him. A poor person is ridiculed regardless of what he is doing, but a rich person is copied by others even if what he is doing is foolish. So, all the more so if he is doing something proper. If he will commit himself to putting on Tefillin, others will do so as well. If he will commit himself to keeping Shabbos, others will as well, because they see that he became wealthy because he was keeping Shabbos. If he will begin putting on Rabeinu Tam Tefillin, so will others. If he will begin being strict about only eating Shmura Matzah, then all factories that make regular Matzah will close down because no one will want to buy from them.

7. This is what the Tzemach Tzedek was referring to when he said "eating for the sake of Davening". All of a person's physical actions should be for the sake of his service of Hashem. Every mundane activity that he performs is so that he will be able to bring "life" into the Mitzvos he does.



8. Another interesting detail of the story, is that this lesson was specifically given over to a woman, a mother of children, one of whom went on to be a Rebbe. The lesson from this is that when one desires to raise children who will "eat for the sake of

אַלע זיינע ענינים זאָלן זיין צוליב קדושה, אַזוי ווי עס שטייט בכל דרכיך דעהו.

דאָס וואָס ער וועט זיין אַ גביר, שטיין אין „דאַן און בראָדסטריט" גאָר הויך און זיין אין „בראַקעט" וואָס צאָלן 95 פּראָצענט טעקסעס, נאָך ניט דאָס איז דער תכלית פון בריאת האדם, נאָר אַז אַלע זיינע ענינים זאָלן זיין צוליב קדושה, בכדי ער זאָל לערנען תורה מיט מנוחת הנפש, מקיים זיין מצות בהרחבה, און געבן צדקה ביד רחבה.

**און ניט באַנוגענען זיך דערמיט אַליין, נאָר זען ווירקן אויך אויף אַנדערע. וואָרום דורך דעם וואָס ער איז אַ גביר — וועט דאָך אים זיין גרינגער צו ווירקן אויף אַנדערע. ווי מיר זעען, אַז אַן אָרעמאַן לאַכט מען אויס, אָבער אַ גביר איז אַפילו ווען ער טוט אַ נאַרישקייט טוט מען אים נאָך, ומכל שכן בשעת ער טוט אַ גלייכע זאַך. ובמילא: בשעת ער וועט לייגן תפילין וועלן אַלע לייגן תפילין, בשעת ער וועט היטן שבת וועלן אַלע היטן שבת, וואָרום מען זעט דאָך אַז פאַרוואָס איז ער געוואָרן אַ גביר ווייל ער היט שבת, בשעת ער וועט לייגן רבנו תם׳ס תפילין וועלן אַלע אָנהויבן לייגן רבנו תם׳ס תפילין, און בשעת ער וועט עסן שמורה־מצות — וועלן זיך צומאַכן אַלע פשוט׳ע־מצה־בעקערייען, ווייל אַלע וועלן אָנהויבן נוצן שמורה.**

און דאָס מיינט „עסן צוליב דאַוורנען", אַז אַלע מענטשלעכע ענינים און זיינע באַדערפענישן (וואָס דאָס אַלץ ווערט אָנגערופן „עסן") דאַרפן זיין צוליב „דאַוונען" (וואָס איז כולל כל התורה והמצות), אויף אויפטאָן אין זיי דעם וחי בהם, אַריינברענגען חיות אין תורה ומצות.

* * *

אַ ווייטערדיקע אָנווייזונג איז דאָ פון דעם אויבן־דערמאָנטן, דאָס וואָס די הוראה איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ פרוי, אַ מאַמע פון קינדער, וואָס איינער פון זיי איז דערנאָך געוואָרן אַ נשיא בישראל.

די אָנווייזונג פון דעם איז:

בשעת מען וויל עס זאָלן אויסוואַקסן קינדער וואָס זייער פירונג זאָל זיין ניט דאַוונען צוליב עסן און ניט אַז דער דאַוונען מיטן עסן זאָלן זיין צוויי באַזונדערע וועלטן, נאָר זיי זאָלן עסן צוליב דאַוונען —

איז דאָס אָפּהענגיק פון דער מוטער. זי זאָל אַליין אויפפירן זיך אַזוי און אַריינגעבן דעם גייסט אין די קינדער, פון קליינוויַיז אויף, ווען זיי ליגן נאָך אין וויגעלע, אַריינגעבן אין זיי אָט דעם געפיל אַז אַלע ענינים דאַרפן זיין צוליב באַהעפטן זיך מיטן אויבערשטן, און אָן דעם — איז אַפילו אויב עס איז דאָ וואָס צו „עסן", האָט עס קיין טעם ניט.

און דאַן האָדעוועט מען אויס אַזעלכע קינדער וועלכע ווערן דערנאָך גדולים בישראל, אַז זיי האָבן מיט וואָס צו דאַוונען און האָבן וואָס צו עסן, און עסן ווי דער אויבערשטער וויל, וואָס זיין רצון איז דאָך, אַז אידן זאָלן האָבן מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, אַז עס איז ניט נאָר בני רויחי, נאָר אויך חיי רויחי ומזוני רויחי.

עס זאָל זיין דער והריקותי לכם

# טייטש'ן
# TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Because | ווײלע |
| he keeps Shabbos. | ער היט שבת |
| When he will put on | בשעת ער וועט לייגן |
| Rabeinu Tam's Tefillin, | רבינו תם'ס תפילין |
| everyone will begin to put on | וועלן אלע אנהויבן לייגן |
| Rabeinu Tam's Tefillin. | רבינו תם'ס תפילין |
| And when he will eat | און בשעת ער וועט עסן |
| Shmurah-Matzah, | שמורה-מצה |
| it will be closed down | וועלן זיך צומאכן |
| all regular Matzah bakeries | אלע פשוט'ע-מצה-בעקערייען |
| because | ווײלע |
| everyone will begin | אלע וועלן אנהויבן |
| to use Shmurah Matzah. | נוצן שמורה |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| when he does something foolish | ווען ער טוט א נארישקייט |
| (people) copy him, | טוט מען אים נאך |
| and all the more so | ומכל שכן |
| when he does | בשעת ער טוט |
| something proper. | א גלייכע זאך |
| Comes out, | ובמילא |
| (that) when he will put on Tefillin, | בשעת ער וועט לייגן תפילין |
| everyone will put on Tefillin. | וועלן אלע לייגן תפילין |
| When he will keep Shabbos, | בשעת ער וועט היטן שבת |
| everyone will keep Shabbos. | וועלן אלע היטן שבת |
| Because | ווארום |
| it is seen, | מען זעט דאך |
| that why did he become rich? | אז פארוואס איז ער געווארן א גביר |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| And not to be content | און ניט באנוגענען זיך |
| with this alone, | דערמיט אליין |
| but rather see (to it) | נאר זען |
| to also affect others. | ווירקן אויך אויף אנדערע |
| Because, | ווארום |
| through this | דורך דעם |
| that he is rich | וואס ער איז א גביר |
| it will be for him | וועט דאך איס זיין |
| easier | גרינגער |
| to affect | צו ווירקן |
| others. | אויף אנדערע |
| Like we see | ווי מיר זעען |
| that a poor person | אז אן ארעמאן |
| is laughed at, | לאכט מען אויס |
| but a rich man, | אבער א גביר |
| even | איז אפילו |

# R KNOWLEDGE!

4. **WHAT** is the first way one may “Daven” and “eat”?

___

___

___

5. **IS** the second way one may “Daven” and “eat?

___

___

___

6. **WHAT** does it mean to “eat for the sake of Davening”?

___

___

___

7. **WHAT** do we learn from the fact that this story happened with a Rebetzin?

___

___

___

# SHOW OFF YOU

1. **WHAT** did the Tzemach Tzedek explain to Rebetzin Rivkah?

_______________________________________________

_______________________________________________

_______________________________________________

2. **WHAT** does "Davening" refer to? **WHY**?

_______________________________________________

_______________________________________________

_______________________________________________

3. **WHAT** does "eating" refer to? **WHY**?

_______________________________________________

_______________________________________________

_______________________________________________

## CLASSICAL CONCEPTS

Davening" and not the other way around, this responsibility falls upon the mother. It is her obligation to give this feeling over to the children by behaving in such a manner herself. She must teach them from when they are very young, that when one "eats" without the intent of "Davening" then the eating has no taste. Through this, she will raise children who will later go on to become great leaders. They will have the means with which "Daven" and to "eat". They will have all of their physical necessities in the manner Hashem desires, which is everything in great abundance. Hashem will shower the home with blessings until there is no more room, and the parents will have Nachas from their children for long and healthy years.



# NOTES:

# NOTES:

לזכות ולעילוי נשמת
ולזכרון נצח הילדה
**חיה**
בת יבלט"ו ר' דוד אשר שי'
וחנה יהודית תחי'
נולדה כ"ב אב ה' תשע"א
ועלתה נשמתה השמימה
ט' אלול ה' תשע"א
**ת.נ.צ.ב.ה.**

**BACK 2 BASICS**

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY טײטש׳ן & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON
TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT B2BSICHOS@GMAIL.COM